פרשת עקב, י"ח אב תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון מ"ב

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות......7:50
מוצאי שבת......9:20

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## א מעשה פון תפלה

### אשר בער אינדארסקי

איך האב באקומען געפערליכע רוקן ווייטאג פאר א שטיק צייט צוריק, עס איז געווארן ערגער און ערגער, איך בין געגאנגען צו א ספעציאליסט וואס קען אויסהיילן די זאכן, למעשה האט עס נישט צופיל געהאלפן, איך האב זייער אסאך געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיך אויסהיילן און איך זאל ווערן צוריק געזונט אזוי ווי פאר דעם, מענטשן ארום מיר האבן מיר אנגעשראקן אז איך זעה אויס געפערליך, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איין נאכט; "הייליגער באשעפער איך גיי יעצט שלאפן העלף מיר איך זאל אויפשטיין מארגן אינדערפרי געזונט און שטארק ווי גארנישט וואלט געווען", וואונדער איבער וואונדער די נעקסטע טאג איך שטיי אויף און איך ציפ מיר צו זעהן אויב עס איז טאקע א פאקט, מיין רוקן ווייטאג איז פארשוואונדן פון מיר ווי גארנישט וואלט געווען.

### לייבי ראטה

איך האב באשטעלט דעם רבינ'ס בענקל פון א קאמפאני אין ארץ ישראל, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס נאך קענען האבן פאר שבת ואתחנן - שבת נחמו, ווייל עס האט געדארפט פארקומען א ברית אום שבת ביי א קינד פון המלמד הערשי שניטצלער הי"ו, איך האב פרובירט אפאר קאמפאני'ס אבער זיי האבן געבעטן זייער אסאך געלט עס צו ברענגען אהער, איך האב ווייטער מתפלל געווען איך זאל יא קענען טרעפן, שכח אייבערשטער אז אין די לעצטע מינוט האב איך נאך געטראפן א קאמפאני וואס האט עס געקענט שיקן פאר א גוטע פרייז און אויך האבן זיי עס נאך געקענט שיקן פאר שבת. און ברוך השם מען האט עס טאקע שוין געקענט ניצן פאר די ברית וואס איז פארגעקומען שבת אין שטעטל. שכח אייבערשטער!

### יענקי פיש

פרייטיג ערב שבת ואתחנן - נחמו בין איך געווען אין מקוה, די שויערס האבן נישט געהעריג געארבעט עס איז געקומען בלויז טראפעלעך וואסער, ביז דערווייל בין איך געגאנגען אין מקוה זיך טובל'ן איך האב דארט געבעטן דעם אייבערשטן אז די שויערס זאל יא ארבעטן גוט און שטארק, איך קום ארויס פון בור איך גיי צו די שויערס און איך זעה דא איז געשעהן א וואונדערליכע זאך, די שויערס האבן אנגעהויבן ארבעטן א מחיה שטארק און שנעל ווי גארנישט וואלט געווען. די מענטשן דארט האבן זיך אנגערופן: איינער האט געמאכט דא עפעס א מופת, אבער איך האב געוויסט ביי מיר אז עס איז פשוט געווען מיין מעשה פון תפלה. שכח אייבערשטער!

## סימן טוב מזל טוב

מיט גרויס פרייד
טוהן מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר האברך החשוב
**יצחק אייזיק ראטה נ"י וזוגתו פייגא יוטא תחי'**
צו די אפשערן פון זייער אינגעל יואל'יש נ"י למזל טוב




דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זיי זעהן אסאך אידיש נחת פון די און פון אלע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים.

## נייעס אין שטעטל

### זומער אין שטעטל

די שטילע שטעטל איז געווארן דעם זומער א תל תלפיות וואו מען קומט פון אומעטום צו זיין דא אין די הייליגע ד' אמות וואו מען קען אטעמען אביסל די לויטערע קלארע לופט, און נישט דארפן זיין אויסגעמישט צווישן די עקעלדיגע גוים וואס דרייען זיך מיט א געפערליכע פריצות אין די שטאטישע גאסן.

די וואך איז מען אריין אין דעם צווייטן העלפט זומער, ברוך השם די ערשטע העלפט זומער איז אדורך מיט א געוואלדיגע סוקסעס, אנגעהויבן מיט די בחורים וואס האבן ברוך השם אסאך אריינגעכאפט און די פארלאפענע פיר וואכן אסאך תורה ותפלה, אזוי אויך הערט מען ביי די ישיבה קטנה וואס זענען אין א באזונדערע אפטיילונג, וואס דארט האט מען אויך אסאך אריין געכאפט במשך די פאר וואכן בגשמיות וברוחניות.

אזוי אויך הערט מען פון מיידל קעמפ אז די מיידלעך האבן דארט א גרויסע תועלת אין די וואכן פון דעם זומער, מען לערנט זיי אויס וויאזוי צו פירן א לעבן נאכדעם וואס זיי גייען ארויס פון סקול און זיי גייען חתונה האבן, מען בויעט זיי אויף זיי זאלן זיין ערליכע אידישע מאמעס.

פון תלמוד תורה הערט מען אויך זייער גוטע גריסן, ווי די קינדער האבן א געוואלדיגע הנאה צו זיין אין חדר; סיי די לאקאלע קינדער, און סיי די קינדער וואס זענען דא נאר אויף די זומער וואכן. זיי קענען קוים ווארטן יעדן טאג צוריקצוגיין לערנען און זיך טרעפן נאך א טאג מיט די מלמדים און מיט די קינדער, מען לייגט אריין אין זיי א ריינע און לויטערע אמונה זיי זאלן וויסן וואס זיי האבן צו טון ווען עס וועט זיי עפעס נישט גיין אזוי ווי זיי האבן געוואלט - זיי זאלן זיך נישט פארלירן חס ושלום.

מיט'ן אייבערשטענ'ס הילף וועט די צווייטע העלפט זומער זיין נאך שענער און בעסער פון די ערשטע העלפט, מען גייט זיך גרייטן אויף די הייליגע טעג, סיי מיט מצות ומעשים טובים, אזוי אויך וועט דער ראש ישיבה שליט"א שוין אנהייבן אויסלערנען די נוסח התפלה פון ראש השנה וואס קומט שוין אט אט, אזוי ווען עס קומט אין אומאן ביים הייליג'ן רבי'ן זאל מען עס שוין גוט קענען.

### לייבי'ס מקוה אין שטעטל

גאר גוטע נייעס קומט אריין אז מען האלט שוין ביי די לעצטע פאזעס פון ענדיגן דעם מקוה - נתנדב דורך הבחור החשוב לייבי ראטה הי"ו, מען האפט אז אויף קומענדיגן שבת זאל עס שוין זיין אין באנוץ, דא איז טאקע די פלאץ זיך צו באדאנקען פאר האברך אברהם משה שטראסער הי"ו פאר'ן געבן א יאר צייט א חלק פון זיין פראפערטי צו אראפלייגן דארט די מקוה, זאל אים דער אייבערשטער באצאלן מיט אלעס גוטס, ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון אלע זיינע קינדער עד סוף כל הדורות, דער הייליגע רבי האט זיך אמאל אויסגעדריקט: ביי וועם איך נעם געב איך.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

### ראש השנה אין אומאן

בעזהשי"ת - יום א' פרשת קרח, כ"ד סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד מיין טייערע חבר ... ני"ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיר זייער צו הערן פון דיר, נאכדעם וואס איך האב שוין נישט געהערט פון דיר א לאנגע צייט.

דו שרייבסט מיר אז דו האסט ספיקות צי דו זאלסט קומען אויף ראש השנה צום הייליגן רבי'ן קיין אומאן; גלייב מיר, יעדער האט שוועריקייטן, און יעדער האט מניעות, פון די אלע טויזענטער מענטשן וואס קומען יעדעס יאר קיין אומאן קומט קיינער נישט גרינגערהייט, אבער אז דער רבי האט געהייסן קומען צו אים, ווארפן מיר אלעס אוועק, און **מיר קוקן נישט אויף די אלע מניעות**, נאר מיר גייען צום רבי'ן.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קכג) אז דער עיקר און דער יסוד וואס אלעס ווענדט זיך נאר אין דעם - איז זיך מקשר צו זיין צום צדיק הדור, און אננעמען אלעס וואס ער זאגט, סיי א קליינע זאך און סיי א גרויסע זאך, און חס ושלום זיך נישט אוועקרירן פון זיינע ווערטער, אזוי ווי חז"ל זאגן (ספרי שופטים) "אפילו אומר לך על ימין שהוא שמאל, ועל שמאל שהוא ימין"; דאס הייסט, אז **דער מענטש דארף אינגאנצן אוועק ווארפן זיין אייגן שכל**, אזוי ווי ער האט בכלל נישט קיין שכל, נאר דאס וואס ער באקומט פונעם צדיק, און ווי לאנג א מענטש האלט זיך נאך מיט זיין אייגן שכל, האט ער נאכנישט קיין שלימות, און ער איז נאכנישט אמת'דיג מקורב צום צדיק.

דערפאר, אז דער רבי האט אונז געהייסן קומען צו אים אויף ראש השנה, דארפן מיר פאלגן בתמימות ובפשיטות און קומען צו אים; מוהרא"ש ז"ל פלעגט שטענדיג זאגן אז אויב דער רבי וואלט נישט געהייסן קומען צו אים אויף ראש השנה וואלט ער געוועזן דער ערשטער נישט צו פארן קיין אומאן אויף ראש השנה, אבער אז דער רבי האט געהייסן קומען, דארף מען קומען אפילו עס איז שווער.

חז"ל זאגן (ביצה טז.): "כל מזונותיו של אדם, קצובים לו מראש השנה ועד יום הכפורים", ראש השנה שרייבט מען אפ פארן מענטש זיין פרנסה פארן יאר; וויפיל ער זאל פארדינען. אזוי אויך שרייבט מען אפ ראש השנה אלעס וואס וועט פאסירן מיטן מענטש, און מיט די ווייב און קינדער, אזוי ווי מען זאגט ביים דאווענען (פיוט ונתנה תוקף): "בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן, וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן, כַּמָּה יַעַבְרוּן וְכַמָּה יִבָּרֵאוּן, מִי יִחְיֶה וּמִי יָמוּת, מִי בְקִצּוֹ וּמִי לֹא בְקִצּוֹ, מִי בָאֵשׁ וּמִי בַמַּיִם, מִי בַחֶרֶב וּמִי בָרָעָב, מִי בָרַעַשׁ וּמִי בַמַּגֵּפָה". און דער רבי זאגט נאך מער (חיי מוהר"ן, סימן תסו) אז ווען דער חזן זאגט 'מי', 'ומי', 'ומי', דארט זענען מרומז אלע גזירות וואס שטייט נישט אויסגערעכנט אינעם פיוט פון ונתנה תוקף.

דער רבי זאגט (חיי מוהר"ן סימן ת"ג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל, וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֶעְדַּר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מיין גאנצע זאך איז ראש השנה, און עס איז מיר א וואונדער פארוואס מיינע מענטשן וואס גלייבן אין מיר, זאלן נישט רעדן צו אלעמען אז מען זאל קומען צו מיר אויף ראש השנה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דער רבי האט געהייסן אז מען זאל מאכן א כרוז, אז **אלע זאלן קומען צו זיין ראש השנה**. נאך האט דער רבי געזאגט: "ווער עס קומט צו אים אויף ראש השנה דארף זיין פרייליך א גאנץ יאר".

איך האף אז דו לערנסט דיינע שיעורים כסדרן יעדן טאג; דער רבי האט אונז געגעבן א געשמאקע סדר דרך הלימוד (שיחות הר"ן, סימן עו), ווי אזוי יעדער מענטש קען זוכה זיין צו שפאצירן אין כל התורה כולה. אז מען איז זיך מסדר יעדן טאג צו לערנען אביסל חומש, אפאר פרקים משניות, אביסל גמרא, וכו', קען מען ביז א קורצע צייט זוכה זיין צו ענדיגן בבלי, ירושלמי, תוספתא, רמב"ם, טור, שלחן ערוך און אלע מדרשים; א מענטש וואס איז קלוג מאכט זיך א חשבון: "וואס האב איך צו קוקן אויף א צווייטן; וואס האב איך צו הערן וואס א צווייטער זאגט אויף דעם; איך וועל ענדערש פאלגן דעם רבי'ן, און זוכה זיין צו שיינע זאכן".

מיר האבן יעצט ארויס געגעבן א נייעם דיסק "טאנץ מיט אמונה"; צינד עס אן ביי דיר אין געשעפט, און טייל עס פאר אלע בחורים וואס קומען צו דיר קויפן טשאלענט וכו', **אזוי וועט דיין פרנסה זיין איין שטיק הפצה**, וועסטו האבן גרויס הצלחה.

**זיי געזונט און שטארק, און זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע ענינים.**

## חידות אפטיילונג



א) אין וועלכע שטאט איז דער הייליגער רבי געבוירן?

ב) ווי אלט איז מוהרא"ש זי"ע געווען ווען ער איז מקורב געווארן צום הייליג'ן רבי'ן?

ג) וועלכע מעשה האט דער הייליגער רבי פארציילט אויפ'ן וועג?

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161
די ענטפערס וועלן ווערן ארויפגעלייגט קומענדיגע וואך
אלע וואס שיקן די ריכטיגע ענטפערס וועלן אריין גיין
אין א גורל אויף ספר עצתו אמונה חלק ב'

**שטעטל באזאר**

**רופט מרדכי אהרן היילפרין**

**845-701-9160**

**אזוי ווי אלע ווייסן האט מען ברוך השם אהער געשטעלט גאר א כשר'ע גוטע עירוב דא אין שטעטל, ווער עס וויל ארויסהעלפן מיט די גרויסע הוצאות זאל זיך מעלדן צו**

**האברך מרדכי אהרן היילפרין הי"ו**

**845-701-9160**

**צו פאררעכטן א קלייד**

**רופט משפחת וועבערמאן**

**845-662-4083**